# פרשת ויצא ג׳ – ט׳ כסלו תשע"ו לפ"ק

***יום ראשון פרשת ויצא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **יעקב צבי גאלדבערגער** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **אהרן מתתי׳ דייטש** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אמו ע"ה (אלמנת הר"ר **יצחק דייטש** ע"ה).

כמו כן הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **מאיר יודא קאלמאן** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אחותו ע"ה (אלמנת הר"ר **גרשון אבעלעס** ע"ה, לאנדאן).

בשעות אחר הצהרים נכנס הרה"ג רבי **פנחס פריעדמאן** שליט"א ראש הכוללים דחסידי בעלזא בארה"ק אצל **רבינו שליט"א**, והגיש את ספרו החדש **׳שבילי פנחס׳** עה"ת ומועדים, ושוחחו בדברי תורה למשך זמן.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והלך לניחום אבלים אצל הר"ר **גרשון פאגעל** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אחותו ע"ה (אלמנת הר"ר **שמעון באלואם** ע"ה).

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח סימן קנ"ו הל׳ משא ומתן) בבית מדרשנו. - בשעה שלמד **רבינו שליט"א** דברי המגן אברהם (בסוף הסימן), וזה לשונו: המרגל בחבירו עובר בלא תעשה, שנאמר (ויקרא יט-טז) לא תלך רכיל בעמך. איזה רכיל, זה שטוען דברים, והולך מזה לזה, ואומר, כך אמר פלוני וכך שמעתי על פלוני, אף על פי שהוא אמת, הרי זה מחריב העולם ע"כ. הוסיף ואמר:

**די** פוסקים געבן צו דערויף, אז דאס מיינט אז ער פארציילט זאכען וואס פאר יענעם איז נישט ניחא, אז מען זאל עס מפרסם זיין. א מענטש זאגט אמאל א זאך, וואס פאר די קבוצה וואלט ער עס געזאגט, אבער דאס מיינט נישט אז ער וואלט עס אויסגעקלאפט אז יעדער זאל עס הערן. און ווען א מענטש גייט, און ער טראגט עס ארום, איך האב געהערט אז ראובן האט געזאגט אזוי און אזוי, און דער זאך קען אים ברענגען א שאדן, אדער עס קומט ארויס א אומאנגענעמליכקייט ווען אנדערע הערן עס, איז דא אויף דעם א לאו פון לא תלך רכיל בעמך (עיין **בשמירת הלשון** ריש הל׳ רכילות).

**און אין דעם איז נכלל, וואס מען נעמט היינט פיקטשער'ס פון אלע זייטן. ווען ער זעהט אז א מענטש טוט עפעס אן אינטערעסאנטע זאך, נעמט ער דערפון א פיקטשער, און ער שיקט עס ארום פאר די האלבע שטאט, איז דא אויף דעם א לאו אין די תורה, לא תלך רכיל בעמך. ווען איינער האט געטון א זאך, און ער וויל נישט אז די זאך זאל ווערן מפורסם וכדומה, טאר מען עס נישט מפרסם זיין**[א].

---

[א] להשלמת הענין נעתיק דברי **רבינו שליט"א** בסעודת מלוה מלכה פרשת פנחס תשע"ה לפ"ק: דער **ראפשיצער רב** האט אלץ גענומען א גבאי, וואס איז געווען א שוטה, כדי ער זאל אים נישט נאכקוקען זיינע זאכען. דער **ראפשיצער רב** האט מורא געהאט, אז דער גבאי וועט אויפכאפן אלעס וואס ער רעדט, האט ער גענומען אזא גבאי וואס כאפט נישט אויף אלעס וואס מען זאגט. ווען א מענטש רעדט אין שטוב, רעדט ער אנדערש ווי ווען ער רעדט מיט ידידים, און ווי ווען ער רעדט פאר א ציבור. היינט איז געווארן דערפון א גאנצע קוגעל, **וואס מען רעדט א ווארט אויף א פלאץ, ווערט תיכף אפגעשריבען, און עס קומט תיכף אן אין די גאנצע וועלט. מען האט אוועקגענומען די פריוואטקייט, וואס מען האט אמאל געקענט רעדן א ווארט איינער צום צווייטען.**

**מיט בילדער איז אויך געווארן די זעלבע, א זאך וואס א מענטש טוט אין שטוב, וועט ער נישט טון אינדרויסן אויף די גאס. און א זאך וואס א מענטש מאכט ביי זיך אין הויף, מאכט ער נישט אינדרויסען. היינט, וואס מען טוט, קומט אן אין ארבע כנפות הארץ, פון איין מינוט אויפן צווייטען. און מען דארף מעורר זיין, אז מען זאל וויסען דערפון, אז עס איז אן איסור גמור, און מען טאר עס נישט טון.** מה טובו אהליך יעקב (במדבר כד-ה), יודען זענען געווען אין פתחיהן מכוונות זה כנגד זה (רש"י שם), אפילו נאר אריינקוקען צו יענעם אין שטוב, וואס יענער טוט א פריוואטע זאך, איז דא אן איסור פון היזק ראיה, און מען טאר נישט (עיין ב"ק ס., ובשו"ע חו"מ הל׳ נזקי שכנים סימן קנ"ד). **ווען א מענטש טוט א זאך, און עס קומט א פרעמדער און ער טוט עס צושפרייטען אויף די גאנצע וועלט, אין וועלכע מא"ד יענער איז געווען, און ווי אזוי ער איז דעמאלטס געשטאנען, און וואס ער האט געטון, דאס איז א זאך וואס מען טאר נישט על פי תורה.** מענטשען כאפן זיך נישט, מען קען אמאל מזיק זיין יענעם מיט א קלייניגקייט. מיט איין קלי"ק וואס ער האט געגעבן, האט ער יענעם שאדן געמאכט.

אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן השיחה:***

**ויחרד** יצחק חרדה גדולה עד מאד, ויאמר מי אפוא הוא הצד ציד ויבא לי ואכל מכל בטרם תבוא ואברכהו, גם ברוך יהיה (כז-לג). לכאורה דארף מען פארשטיין, קודם איז געווען ויחרד יצחק חרדה גדולה, אז מען האט אויסגעכאפט די ברכות, וואס ער האט זיך גערישט צו געבן פאר עשו. און נאך צוויי מינוט האט ער זיך געטוישט, און ער האט געזאגט גם ברוך יהיה, אז דער שווינדלער וואס האט עס צוגענומען זאל זיין געבענטשט.

**אין** פשטות איז דער פשט, לא יאונה לצדיק כל און (משלי יב-כא). ער האט געוואוסט, אז אויב מען האט אזוי צוגעפירט פון הימל, קומט נישט ארויס דערפון קיין שלעכטס, האט ער געזאגט, גם ברוך יהיה. אבער עס ליגט דערין נאך א כוונה פאר יעדן איינעם. א יוד דארף גלייבען, אז אלעס איז מן השמים. עס איז נישט דא קיין שום זאך אויף די וועלט, וואס פאסירט פון זיך אליין, אלעס איז אנגעשריבען פון פריער מיט א חשבון פון אויבן. פון ווען א מענטש קומט אראפ אויף די וועלט, ביז ער גייט אוועק, איז אראפגעשריבען פונקטליך אלעס וואס דער מענטש דארף אלץ אדורכגיין. וואס ער דארף ליידען, און וואס ער דארף האבען גוטס, אלעס איז מיט א חשבון. עס איז נישט דא א זאך וואס איז בדרך מקרה.

**עס** שטייט אין די גמרא (יומא לח.) בשמך יקראוך, ובמקומך יושיבוך, ומשלך יתנו לך, אין אדם נוגע במוכן לחבירו אפילו כמלא נימא. א מענטש דארף וויסען, אז ווען עס קומט א צייט וואס דער אייבערשטער וויל אים גרויס מאכען, ער וויל אים עפעס געבען, וועט מען אים אויפזוכען. 'בשמך יקראוך', דו וועסט באקומען א טעלעפאן קאל, אז מען רופט דיך פאר די און די זאך. 'ובמקומך יושיבוך', און צו דעם פלאץ וואו דו דארפסט אנקומען, וועט מען דיך אהין זעצן. 'אין אדם נוגע במוכן לחבירו', קיינער קען פון דיר נישט צונעמען, וואס עס איז פאר דיר צוגעגרייט. אפילו עס קוקט אסאך מאל אויס, ווי מען האט יא צוגענומען, איז יענער נאר געווען דער 'שליח', אז 'ער' האט עס צוגענומען, אבער פונעם מענטש פעלט נישט. קיינער קען דיר נישט צוגעבן, און קיינער קען פון דיר נישט צונעמען. עס איז דא שלוחים פונעם אייבערשטען, ווי אזוי עס זאל פאסירן, און עס קוקט אויס ווי יענער האט עס צוגענומען, אבער נישט יענער נעמט עס צו, דו וואלסט עס ממילא נישט געהאט. ווען יענער וואלט נישט געקומען, יש כמה דרכים למקום ווי אזוי דער אייבערשטער וואלט עס צוגענומען. אין אדם נוגע במוכן לחבירו, מען קען נישט צורירן וואס עס איז צוגעגרייט פארן חבר.

**אין** אמת וואלט א מענטש גארנישט געדארפט טון, ווייל אלעס איז אנגעשריבען פון אויבען. נאר די תורה אליין האט אונז מחייב געווען, אז א מענטש דארף מאכען השתדלות. ער דארף פרנסה, זאל ער נישט זאגען, עס איז מיר אנגעשריבען פרנסה, וועל איך ווארטען אז עס זאל קומען. ווייל עס קומט נישט פון זיך אליין. דער אייבערשטער האט געזאגט, אז דו דארפסט מאכען השתדלות. וויפיל דו קענסט ארייגברענגען פאר דיין פרנסה, ביזטו מחוייב צו טון. ווען א מענטש איז ל"ע נישט געזונט, וועט ער נישט זאגען, אויב עס איז מיר באשערט צו לעבן, וועט מיר דער אייבערשטער היילען, נאר ער איז מחוייב צו זוכען דעם בעסטען דאקטער, און זוכען די בעסטע וועג פון א רפואה, ווייל א מענטש איז מחוייב צו מאכען השתדלות אויף וואס ער דארף צו האבען.

**דאס** איז אבער אלץ נאר אויף להבא. **אבער אויף א זאך וואס איז שוין אדורכגעגאנגען, און מען האלט שוין דערנאך, דארף א יוד גלייבן, אז אלעס וואס איז אדורכגעגאנגען, האט מען פון הימל געוואלט אז עס זאל אזוי זיין. עס קומט אסאך מאל אויס, אז א מענטש ווארפט זיך אליין פאר, פארוואס האב איך אזוי און אזוי געטון, ווען איך וואלט נישט געטון אזוי און אזוי, וואלט נישט פאסירט וואס האט פאסירט. אויף א עבר איז נישט דא וואס חרטה צו האבען. אז עס האט אזוי פאסירט, וואלט עס ממילא פאסירט. ווען דו וואלסט עס נישט געטון, וואלט עס א צווייטער געטון. אמאל איז מען ברוגז אויף א חבר, אז ער האט אים גורם געווען א**

**שאדען. קיינער איז נישט גורם א שאדען, דעם שאדען וואלסטו ממילא געדארפט האבען, און יענער איז נאר געווען דער שליח וואס האט עס געטון. א מענטש טאר נישט חרטה האבען אויף א זאך וואס ער האט געטון, פארוואס האב איך אזוי געטון, און ווען איך וואלט נישט אזוי געטון, וואלט געווען אנדערש, ווייל עס וואלט נישט געווען אנדערש. וואס איז אדורכגעגאנגען, איז אלעס געווען אנגעשריבען פון אויבען.**

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, רשעים מלאים חרטות (עיין נדרים ט:). געווענליך טייטשט מען, אז זיי זענען מלאים חרטות, ווייל זיי זינדיגען, און נאכדעם האט ער גארנישט פון זיין תאוה, האט ער חרטה. אבער עס האט אין זיך נאך א כוונה. רשעים מלאים חרטות, א רשע איז אייביג פיל מיט חרטות, יעדע זאך וואס קומט אים אויס אז עס איז נישט גוט, זוכט ער די סיבה דערפאר. פארוואס האט אזוי פאסירט, ווייל איך האב אזוי און אזוי געטון, איך האב אזוי און אזוי געזאגט, איך בין דארט און דארט געגאנגען, וועגן דעם האט אזוי און אזוי פאסירט. אבער ווען איך וואלט אנדערש געטון, וואלט געווען אנדערש. דאס זענען רשעים. רשעים זענען מלאים חרטות, אלץ איז ער פארנומען מיט וואס עס איז אדורכגעגאנגען, פארוואס האב איך אזוי געטון, פארוואס האט מיר יענער אזוי געטון, ווען עס וואלט געווען אזוי און אזוי, וואלט געווען אנדערש. א צדיק האט קיינמאל נישט חרטה אויף וואס עס איז געווען. וואס עס איז געווען, איז א סימן אז עס האט געדארפט אזוי צו זיין. אויף לעתיד דארף א מענטש טון אלעס וואס ער קען, כדי צו מאכען השתדלות, וברכך ה' אלקיך בכל אשר תעשה (דברים טו-יח), דו דארפסט טון, און דער אייבערשטער שיקט אריין די ברכה.

**יצחק** האט געוואלט בענטשען עשו, און ער האט געהאט זיינע כוונות, אז עשו זאל באקומען די ברכות. אבער למעשה האט זיך פון הימל נישט אזוי אויסגעשטעלט, און ער האט געבענטשט דעם וואס איז אריינגעקומען. האט יצחק געזאגט, אז ביי מיר איז פארגעקומען אז איך האב אים געבענטשט, איז א סימן אז עס האט געדארפט אזוי צו זיין. עס איז נישט שייך אז איך זאל יעצט צוריקציען, און איך זאל יעצט שעלטען, און איך זאל טון אנדערש וכדומה, ווייל מען וואלט מיר נישט צוגעפירט פון הימל אז עס זאל אזוי זיין. און אז עס איז אדורכגעגאנגען, האט ער געזאגט גם ברוך יהיה. - די לימוד מוסר השכל דערפון איז, אז אויף א עבר, וואס עס איז אדורכגעגאנגען, דארף א יוד מקבל זיין, און מצדיק זיין את הדין. אז עס האט אזוי פאסירט, נעמט ער עס אן, און ער איז עס מקבל.

**איך** האב געהערט פארציילען, אז עס איז געווען אמאל א יוד, וואס איז ל"ע נישט געווען געזונט אויף א פוס, און מען האט אים ל"ע אראפגענומען דעם פוס. און שפעטער איז מען ארויפגעקומען אז עס איז געווען א טעות, און מען האט עס נישט געדארפט צו טון. און מען האט נישט געוואלט פארציילען פאר דעם יוד, אז עס איז געווען א טעות, אז מען האט אים אראפגענומען דאס פוס, און ער איז געווארן אן אינוואליד. און צוליב א סיבה איז ער געווואר געווארן דערפון. בדרך כלל וואלט א מענטש ארויסגעגאנגען פון די כלים, אז אזוי האט פאסירט. ווען מען האט עס אים געזאגט, האט ער געזאגט, אז ער האט געהערט פונעם רבי'ן, ער איז געווען א קארלינער חסיד, אז **ווען איינער זאגט, אז ווען עס וואלט געווען אזוי און אזוי וואלט עס נישט פאסירט, איז עס כפירה.** מען האט מיר אראפגענומען דעם פוס, ווייל אזוי האט מען געוואלט פון הימל. ווען עס וואלט נישט געווען אויף דעם וועג, וואלט עס געווען אויף א צווייטען וועג. אז עס האט שוין פאסירט, איז עס מן השמים. און זאגען אז ווען עס וואלט געווען אזוי און אזוי, וואלט געווען אנדערש, דאס איז כפירה. ווייל אויף א עבר איז נישט דא וואס זיך צו דינגען. אז עס האט אזוי פאסירט, האט ער געזאגט גם ברוך יהיה.

**איך** וועל ענדיגען מיט א גוט ווארט, יעקב האט מקבל געווען די ברכות, עס שטייט אין הייליגע ספרים, פארוואס האט מען אזוי צוגעפירט פון הימל, אז יצחק זאל וועלן בענטשען עשו, און יעקב זאל מקבל זיין די ברכות. ווייל ווען יצחק וואלט געוואלט בענטשען יעקב, וואלט ער נאר געווען ראוי צו די ברכות, ווען ער קוקט אויס אזוי ווי יעקב, איש תם יושב אהלים, ערליך וכדומה.

האט מען פון הימל צוגעפירט, אז ער זאל וועלן בענטשען עשו, און מיר זענען נאך אזוי גוט ווי עשו, אז פאר עשו קומט א ברכה, קומט זיך פאר יעדן יוד א ברכה. זאל מקוים ווערן ביי אונז די אלע ברכות, ויתן לך האלקים, דער אייבערשטער זאל אונז געבן דאס וואס מיר זענען געבענטשט געווארן, ויתן ויחזור ויתן.

*

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יעקב צבי גאלדבערגער** הי"ו, שהתקיים באולם שיקס מענאר.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **עקיבא פישער** הי"ו, שהתקיים באולם באיאן.

*

***יום שני פרשת ויצא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **עקיבא פישער** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר כך הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **נחום מאשקאוויטש** ע"ה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של החתן **יוסף דוד כ"ץ** נ"ו, בן הר"ר **יוחנן אליעזר כ"ץ** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **לוי יצחק לינדנער** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס צבי. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בן הר"ר **דוד משה סאלאמאן** הי"ו (ב"פ), עב"ג בת הר"ר **ישראל מאיר ווידער** הי"ו (וומסב"ג), שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בן הר"ר **יוחנן אליעזר כ"ץ** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה. - כמו כן חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בן הר"ר **דוד משה סאלאמאן** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **אהרן משה שלאגער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **זלמן לייב וואלדמאן** הי"ו (וומסב"ג), שהתקיים באולם קאנטינענטאל.

*

***יום שלישי פרשת ויצא***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **יודל כהנא** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **אהרן געשטעטנער** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש תולדות אברהם יצחק. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. אחר הברית הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך.

אחר השיעור נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **יעקב גרינפעלד** הי"ו שהתקיים באולם טאהש.

אחר הפדיון הבן הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת דייטש ע"ה (אשת הר"ר **מתתי' זאב דייטש** הי"ו).

*

***יום רביעי פרשת ויצא***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הלויה של מרת נייהויז ע"ה (אלמנת הר"ר **יעקב יודא נייהויז** ע"ה), שהתקיים בבית הלוויות שומרי הדת. **רבינו שליט"א** נשא דברי הספד.

***וזה תוכן ההספד:***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה (כח-י). רש"י ברענגט צו, אז עס וואלט גענוג געווען צו שטיין נאר וילך יעקב חרנה, פארוואס שטייט ויצא יעקב. זאגט רש"י, ווען א

צדיק לאזט איבער א מקום, לאזט עס איבער א רושם. בזמן שהצדיק בעיר, הוא הודה, הוא זיוה, הוא הדרה. די פראכט און די שיינקייט פון די שטאט איז, ווען עס איז דא א צדיק וואס וואוינט צוזאמען. אבער ווען עס איז יצא צדיק מן העיר, ווען יעקב אבינו איז אוועקגעגאנגען, און זיי זענען געבליבען אן יעקב, פנה הודה, פנה זיוה, פנה הדרה, איז אוועקגעגאנגען די שיינקייט פון די שטאט. ויצא יעקב, עס איז געווען ניכר די יציאה פון יעקב.

**און** רש"י געבט צו, אז איך וואלט געקענט מיינען, אז דאס איז נאר ווען עס גייט אוועק א מאן א צדיק, וואס האט געדינט דעם אייבערשטען, און ווען ער גייט אוועק, איז פנה הודה, פנה זיוה, פנה הדרה. זאגט רש"י, אז אזוי שטייט אויך ביי רות און נעמי, ווען נעמי איז אוועקגעגאנגען און זי האט איבערגעלאזט דעם מקום וואו זי איז געווען, שטייט אין פסוק (רות א-ז) ותצא מן המקום, אז עס האט איבערגעלאזט א רושם.

**וואס** דער ביאור דערפון איז, א צדיק דינט דאך דעם אייבערשטען שטענדיג. וואו ער געפינט זיך, איז ער צווישן מענטשען, און ער לערנט אויס אנדערע ווי אזוי מען דארף צו דינען דעם אייבערשטען. ער זאגט מוסר, ער איז מרביץ תורה, און ווען ער פעלט, גייט אוועק דער הוד, און דער זיו, און דער הדרה פון די שטאט. אבער א צדיקת זיצט דאך ביי זיך אין שטוב, א אשה איז דאך כל כבודה בת מלך פנימה (תהלים מה-יד), איז זי דאך נאר ביי זיך אינדערהיים, זי טוט נישט איר ארבעט אינדרויסען אקעגן מענטשען, פון דעסטוועגן דאך זאל מען נישט מיינען, אז ווען זי גייט אוועק פון דער וועלט, איז עס געבליבען די זעלבע אזוי ווי עס איז געווען פריער. נאר ווען זי גייט אוועק פון די וועלט איז אויך פנה הודה, פנה זיוה, פנה הדרה, גייט אוועק די שיינקייט, און די פראכט, נישט נאר ביי די משפחה, ביי די קינדער און אייניקלעך, נאר עס פעלט ביי די גאנצע שטאט.

**די** נפטרת איז געווען אן אשה חשובה, זי איז ארויסגעקומען אהער נאך די מלחמה, ווען מען האט געדארפט אנהייבען אויפשטעלן א שטוב, און זי האט אויפגעשטעלט אזא שיינע שטוב, א זון א תלמיד חכם מופלג, א מרביץ תורה, קינדער און אייניקלעך און אור אייניקלעך וואס זענען תלמידי חכמים און מרביצי תורה. זי האט איבערגעלאזט א שטוב לשם ולתפארת. ווען מען וויל וויסען ווער די מאמע און די באבע איז געווען, דערקענט מען עס דורך דעם וואס מען קוקט אויף די משפחה. אם לא תדעי לך היפה בנשים, צאי לך בעקבי הצאן (שיר א-ח). ווען מען וויל וויסען ווער איז יפה באנשים, קוקט מען ווי אזוי ער לערנט און ער דאווענט, און דוכדעם ווייסט מען צו ער איז אן ערליכער יוד. אבער ווי אזוי ווייסט מען ווער עס איז דער יפה בנשים, עס איז דאך כל כבודה בת מלך פנימה. צאו לך בעקבי הצאן, מען קוקט וואס פארא שעפעלעך זי האט אויפגעשטעלט, מען קוקט אין וואס פארא וועגן זיי גייען, דאס נעמט זיך איבער פון די עבודה וואס עלטערן לייגען אריין אין די קינדער. א ערליכע מאמע און א ערליכע באבע שיינט אריין יראת שמים אין די קינדער, שיינט אריין תורה און אהבת ה' אין די דורות. אם לא תדעי לך היפה בנשים, ווען דו ווייסט נישט ווער עס איז דער יפה בנשים, צאי לך בעקבי הצאן, דארף מען קוקען אויף די עקבי הצאן.

**און** דאס איז די פליכט פון די עקבי הצאן, ממשיך צו זיין דעם דרך וואס מען האט געזען ביי די עלטערן. נישט נאכלאזען פון די שיינע מנהגים און די שיינע וועגן וואס מען האט געזען, ווי אזוי די עלטערן האבען געדינט דעם אייבערשטען. זאל דער אייבערשטער געבן, אז די אלע מצות און מעשים טובים וואס זי האט געטון בחייה, וואס זי האט עוסק געווען אין חסד און צדקה, זאל אלעס אקעגן קומען. צדק לפניו יהלך (תהלים פה-יד), דאס איז די זאכען וואס קומען אקעגן פארן מענטש, ווען מען גייט אוועק פון דער וועלט. און עס זאל מקויים ווערן ביי אונז אלע, ובלע המות לנצח, ומחה ה' דמעה מעל כל פנים, ונאמר אמן.

*

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בן הר"ר ***יהושע טאבאק*** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אברהם קאהן** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

***יום חמישי פרשת ויצא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה ומסר שיעורו היומי, אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

אחר השיעור הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **שלמה זלמן ניהויז** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אמו ע"ה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בן הרב **יצחק אליעזר וואלדמאן** שליט"א, עב"ג בת הר"ר **חיים יהודא פערלשטיין** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס צבי.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק', בבית מדרשנו זכרון יהודא. - בשעה שלמד **רבינו שליט"א דברי האור החיים הק'** על הפסוק (כט-כד) ויתן לבן לה את זלפה שפחתו ללאה בתו שפחה, וזה לשונו: יתבאר על דרך אומרם ז"ל (פסיקתא זוטרתא ויצא כט-כט) זלפה ובלהה נפלו בירושה לרחל ולאה מכתובת אמם, והוא שאמר הכתוב 'ללאה בתו שפחה', פירוש מודיע הכתוב כי שלה היא שפחה, וירשה אותה מאמה וגו', **לומר שמתנה זו אינה מתנה כפי האמת, כי שלה היתה מקודם, אלא לבן הוא שמחשיבה בגדר מתנה** ע"כ. הוסיף ואמר:

**אז** מען רעדט שוין פון ירושה, אז בלהה און זלפה האבען געהערט בירושה פאר רחל און לאה, און לבן האט עס אויפגעהאלטן פאר זיך. ענדליך דערצו איז מעשים בכל יום, און מען דארף עס באווארענען פאר עס קומט דער צייט.

**מיר** ווייסען אז ווען א פרוי שטארבט, ירשנ'ט דער מאן דאס ווייב מן התורה, וירש אותה (במדבר כז-יא), אבער ווען א מאן שטארבט, איז די ווייב נישט א יורש, נאר אלע נכסים גייען אריבער פאר די קינדער (ב"ב קיא:). דאס ווייב באקומט נישט מער פון וואס עס איז אריינגעשריבען אין איר כתובה. און ביז זי האט חתונה איז די הלכה, אז מען דארף איר אויסהאלטן מיט מזונות פון דאס געלט וואס איז געבליבען, אז זי זאל האבן וואס צו עסן, און מען דארף איר געבן א דירה צו וואוינען. אבער שוויות פון געלט באקומט זי נישט.

**און אז מען האט נישט געשריבען א צוואה, אדער מען האט עס נישט געשריבען געהעריג, צו עס איז נישט אויסגעהאלטן ווייל עס איז נאר א גוי'שע צוואה, וואס א גוי'שע צוואה הייסט נישט א צוואה, [עס איז אמאל דא נגידישע שטובער, וואס דער מאן שטארבט, און עס איז נישט דא א געהעריגע כשר'ע צוואה, וואס איז געשריבען על פי תורה], גייט זי ארויס אן גארנישט. דאס ווייב באקומט נאר צו עסן, און זי קען בלייבען וואוינען אין די דירה. זי באקומט א טשע"ק יעדע וואך וויפיל זי דארף האבען אויף איר לעבן, און נישט מער. און זי איז דאך געוואוינט אז זי איז דער בעל הבית אויפן געלט, און זי שפירט אז די גאנצע געלט איז אירע, און זי טיילט רעכטס און לינקס. וועלכע קינד זי וויל מקרב זיין געבט זי, און פארן אנדערן קינד נישט. און דאס אלעס איז גניבה און גזילה. זי איז נישט דער בעל הבית אויפן געלט, דאס געלט געהערט פאר די קינדער, און וואס זי נעמט, דארף זי בעטן א הסכמה פון די קינדער, אז זי קען עס נעמען.** עס איז דומה אזוי ווי די מעשה פון דא, אז בלהה און זלפה זענען באמת געווען ירושה פאר רחל און לאה, און ויתן לבן לה את זלפה שפחתה, לבן איז געווען דער גוטער, און ער האט געגעבן. ער איז נישט דער גוטער, ער איז דער גנב. ער האט די אלע יארן צוגענומען די שפחות פאר זיך, און זיי האבען געארבעט פאר אים, כאטש עס איז נישט געווען זיינס, עס האט געהערט פאר די קינדער.

**איך** ברענג עס ארויס, כדי מען זאל וויסען, אז מען דארף אזא זאך באווארענען. **ווען א מענטש וויל אז זיין ווייב זאל האבען א חלק אין די ירושה, און נישט אז אלעס זאל אריבערגיין פאר די קינדער, און זי זאל דארפן בעטן פון די קינדער אז זיי זאלן איר געבן, דארף עס זיין אראפגעשריבען פון פריער מיט א געהעריגע צוואה, כדי מען זאל האבען אן אמת'דיגען חלק אין די פארמעגן.** ווייל טאמער נישט, קען זי אסאך מאל נישט פארשטיין, וואס הייסט אז פון איין מינוט אויף די צווייטע האט זי פארלוירן נישט נאר איר מאן, נאר אויך איר פארמעגן, זי איז געווארן אויס בעל הבית אויף אלעם. אבער אזוי זאגט די תורה, אז די קינדער זענען די יורשים, און זי איז נישט א יורש. און מען דארף זיך באווארענען דערמיט באצייטנס, אז עס

זאל נישט שפעטער צוקומען צו א מכשול (ועיין עוד **בשמן ראש** (ח"ט ויקרא דף ר"ס, ובח"י ויקרא דף קצ"ז) מה שהאריך **רבינו שליט"א** בענין כתיבת צוואה והמסתעף).

*

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל הוואכנאכט של בן הרה"ג רבי **יוסף משה היילפרין** שליט"א דומ"ץ דביהמ"ד אויוואר (בן הגה"צ דומ"ץ דקהלתנו בב"פ שליט"א), שהתקיים בבית אבי הבן שליט"א.

*

***<u>שבת קודש פרשת ויצא</u>***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר מהגה"ק **המהרש"ל זצ"ל**. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**.

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **יואל טעללער** הי"ו, אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

בסעודה שלישית התקיים השבע ברכות של החתן **יוסף דוד כ"ץ** נ"י חתן הר"ר **לוי יצחק לינדנער** הי"ו.

במוצאי שבת נסע **רבינו שליט"א** להיכל ישיבתנו הק' להשתתף במעמד חלוקת פרסים לבחורי חמד של ישיבתנו הק', שנבחנו על מסכת בבא קמא, שלמדו במשך השנה שעברה. המנהל **הרה"ג רבי פישל לעווי שליט"א** פתח את המעמד, וכיבד את **הרה"ג רבי יחיאל יאיר ניימאן שליט"א** לישא מדברותיו. **רבינו שליט"א** השמיע דברות קודש לכל המשתתפים, וחילק התעודות להבחורים. **רבינו שליט"א** כיבד את הר"ר **ישראל מרדכי ווייסבערג** הי"ו בברכת המזון.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**איך** וויל קודם באגריסען די חשובע בחורים, עס איז זייער שמחה, זיי האבען מסיים געווען און זיך פארהערט א מסכתא, און זיי האבען שוין אנגעהויבען א צווייטע מסכתא, אזוי ווי דער סדר איז, אז ווען מען מאכט א סיום, הייבט מען אן מיט אן התחלה אויף ווייטער. איך וויל באגריסען זייערע חשוב'ע עלטערן, וואס האט א מענטש פונעם גאנצן לעבן, נאר אז מען האט קינדער תלמידי חכמים און עובדי ה', דאס איז די איינציגסטע פארמעגן וואס בלייבט ביי א מענטש. און אז מען האט די זכיה, אז מען זעהט קינדער וואס זענען מסיים איין מסכתא, און נאך א מסכתא, איז דאס די גליקליכסטע מאמענט פאר עלטערן וואס זענען זוכה דערצו. - מען האט פריער געהערט, ווי מען האט זייער שיין ארויסגעברענגט די געוואלדיגע הארעוואניע וואס די בחורים האבען אריינגעלייגט דערין, און די שמחה וואס זיי האבען יעצט, ווען זיי האבען געענדיגט די מסכתא. זאל דער אייבערשטער געבן, אז זיי זאלן קענען ווייטער אויך מסיים זיין אסאך און אסאך מסכתות.

**עס** איז מוצאי שבת, וואס איז אן ענין צו פארציילען א מעשה, איך וועל איבערזאגען א מעשה וואס איך האב פארציילט פאר די בחורים פרייטאג צו נאכטס, און איך וועל צוגעבן דערצו א ווארט. די וואך אין די פרשה דערציילט די תורה הק', אז יעקב איז געקומען צו לבן אין שטוב וועגן א שידוך, און פון די צוויי טעכטער וואס לבן האט געהאט, לאה מיט רחל, האט יעקב אויסגעקליבען אז ער וויל נעמען רחל, די יונגערע. כאטש לא יעשה כן במקומינו לתת הצעירה לפני הבכירה, און יעקב האט דאס אויך געוואוסט, פון דעסטוועגן דאך האט ער ענדערש געוואלט נעמען רחל. אין די מפרשים שטייט, אז דער טעם איז פשוט, ווייל מען האט דאך געזאגט אז לבן האט צוויי קינדער, און רבקה האט צוויי קינדער, הגדולה לגדול והקטנה לקטן, איז ממילא אז ער איז דער קטן, האט ער געוואוסט אז פאר אים קומט זיך רחל, האט ער אויסגעוועלט רחל. איך מיין אז עס קען זיין נאך א טעם, פארוואס ער האט ענדערש געוואלט רחל פון לאה.

**די** וועלט זאגט נאך אויף **רבי מענדעלע דעעש'ער זי"ע**, אז ווען ער איז געווען א בחור, און ער האט געלערנט אין ישיבה, איז ער אמאל ארויסגעגאנגען צו קויפן עפעס צו עסן. ווי דער סדר איז אמאל געווען, אז עס איז געווען א מארק, און עס זענען געשטאנען דארט יודישע טעכטער, און מען האט פארקויפט פירות. און א מיידעל איז געשטאנען דארט, און זי האט פארקויפט מעלאנע. איז ער

צוגעגאנגען, און ער האט געוואלט קויפן א שטיקל מעלאנע, זיך צו דערכאפן דאס הארץ. האט ער איר געפרעגט וויפיל עס קאסט, האט זי געזאגט די פרייז דערפון, און עס איז געווען פאר אים צו אסאך אז ער זאל קענען געבן אזא פרייז, איז ער אוועקגעגאנגען. ווען דאס מיידעל האט געזען אן ערליכען בחור, וואס וויל עפעס טועם זיין, האט זי אים צוריקגערופן, און זי האט אים געזאגט, אז ער קען האבען די מעלאנע פאר די האלבע פרייז. זעהט אויס אז זי איז געווען א מלומדת, האט זי זיך אנגערופן און זי האט געזאגט, צדיק זה בא לבית מעלאנע (מלוני), ויפטר בלא מעלאנע (לינה, חולין צא:), דער צדיק איז געקומען אהער צו קויפן מעלאנע, און ער זאל אוועקגיין אן א מעלאנע, איך געב עס פאר ביליגער. האט ער עס גענומען. אזוי ווי ער האט געהערט אזא שיינע מליצה, האט ער אויפגעהויבען די אויגן, און ער האט געגעבן א קוק אויף איר, ווער דאס איז. ווען ער איז אוועקגעגאנגען האט אים זייער ווי געטון וואס ער האט געטון, אז ער האט אויפגעהויבען די אויגען צו קוקען אויף איר. נו, עס איז שוין אדורכגעגאנגען, וואס קען ער טון, האט ער מחליט געווען ביי זיך, אז אזוי ווי די הלכה איז, אסור לאדם לקדש את האשה עד שיראנה (קידושין מא.), ער גייט חתונה האבען מיט די מיידעל, און אזוי ווי מען טאר נישט מקדש זיין פאר מען זעהט איר, וועט דאס זיין די ראיה וואס ער האט איר שוין געזען.

**ער** גייט אהיים, און פארציילט פאר די עלטערן וואס ער האט מחליט געווען, און מען זאל אים אנטראגען פאר א שידוך די מיידעל. די עלטערן זענען געווארן אויסער זיך, ער איז געווען פון א יחוס'דיגע משפחה, און דא גייט ער טון א שידוך מיט א פשוטע שטוב, וואס זי שטייט און פארקויפט מעלאנע אינדרויסן. און ער האט זיך געהאלטן ביי זיינעם, אז ער וויל נישט נכשל ווערן אין א איסור, און ער איז גרייט צו טון אזא שידוך. איז מען געגאנגען פרעגן זיין רבי'ן, און דער רבי האט געזאגט, אז ער וויל אזוי, זאל ער טון וואס ער וויל, און דער אייבערשטער וועט העלפען אז ער וועט זוכה זיין צוליב דעם צו האבען ערליכע קינדער. און עס איז טאקע אויסגעוואקסען א שטוב פון תורה.

**ווען** יעקב איז אנגעקומען צו חרן, איז ער אנגעקומען צום באר, און ער האט זיך אינטערעסירט אויף לבן, און אזוי ווי ער האט זיך אינטערעסירט אויף לבן, האט מען אים געזאגט והנה רחל בתו באה עם הצאן (כט-ו), רחל איז אים אנטקעגן געקומען, און ער האט גערעדט מיט רחל, און ער האט איר אויסגעפרעגט אויף די שטוב. און אזוי ווי ער האט שוין געהאט א שמועס מיט רחל, האט ער מחליט געווען אז ער וויל נישט האבען א שמועס מיט א פרעמדע, און דאס וועט זיין, זיין זיווג. ער האט דא מקיים געווען דעם אסור לאדם לקדש את האשה עד שיראנה, האט ער געוואלט ענדערש נעמען רחל פאר לאה.

**איך** האב געזען אין **חזקוני** אויפן פסוק (כט-יח) ויאהב יעקב את רחל, זאגט ער צוויי ווערטער, 'כבר נתן עיניו בה'. און איך מיין, אז ער מיינט צו זאגען דא פשט, אז וויבאלד עס איז געווען נתן עיניו בה בשעת ער האט זיך געטראפען מיט איר דאס ערשטע מאל, וועגן דעם האט ער בוחר געווען צו טון דעם שידוך. מען קען זיך אראפלערנען פון דעם די קדושה, וואס מען האט זיך אמאל געהיטן די אויגען, אז מען זאל נישט זעהן וואס מען דארף נישט.

*

**דער** מדרש תנחומא זאגט די וואך, ווען יעקב איז געקומען צום מקום המקדש, האט ער געזען סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה, והנה מלאכי אלקים עולים ויורדים בו (כח-יב), ער האט געזען ווי דער שר פון בבל גייט ארויף זיבעציג שטיגען, און ביי די זיבעציג'סטע שטיג האט ער אנגעהויבען אראפ צו גיין, ווייל גלות בבל איז געווען זיבעציג יאר. נאכדעם האט ער געזען ווי דער שר פון מדי גייט ארויף צוויי און פופציג שטיגען, וואס דאס איז גלות מדי. נאכדעם איז דער שר פון יון ארויפגעגאנגען הונדערט און אכציג שטיגען. נאכדעם האט ער געזען דעם שרו של אדום, דער לעצטער גלות, גייט און גייט און קומט נישט אראפ. נתיירא יעקב, האט יעקב מורא געהאט פון אזא גרויסען גלות. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, אפילו ער וועט ארויפקומען ביז מיר אויבען אין הימל, וועל איך אים מוריד זיין. דער

סוף וועט זיין אז ער וועט האבען א מפלה, אם בין כוכבים שים קנך, משם אורידך נאם ה' (עובדיה א-ד). האט דער אייבערשטער געזאגט פאר יעקב, גיי דו ארויף אויף די לייטער, און ווען דו וועסט ארויפגיין וועסטו קיינמאל נישט האבען א ירידה. און יעקב האט מורא געהאט, ער האט געזען אז זיי האבען געהאט א ירידה, האט ער נישט געוואלט ארויפגיין. האט דער אייבערשטער געזאגט, ווען דו וואלסט ארויפגעגאנגען וואלסטו קיינמאל נישט געהאט א ירידה. דו האסט מיר נישט געפאלגט, דו ביסט נישט ארויפגעגאנגען, וועלן דיינע קינדער זיין אין גלות, וועגן דעם איז נגזר געווארן גלות. מיר פארשטייען נישט די ווערטער אינעם מדרש, אז דער אייבערשטער האט אים געזאגט, אז ער זאל ארויפגיין, און יעקב האט נישט געפאלגט. אבער די נקודת הדברים איז נוגע, ווען מען רעדט צו יונגע בחורים.

**די** יונגע יארן דאס איז די ימי עלייה, וואס ווען מען גייט דעמאלטס ארויף אויפן לייטער, בלייבט מען אויבן. עס איז דא אמאל וואס א מענטש האט מורא פון די עליה, ווייל אפשר וועט ער האבען א ירידה. און ער האלט זיך צוריק, און ער גייט נישט ארויף. דער אייבערשטער האט געזאגט פאר יעקב אבינו, דו האסט יעצט א געלעגענהייט ארויפצוגיין, און ווען ער וואלט זיך אנגעכאפט אין די ווערטער, און ער וואלט ארויפגעגאנגען, וואלט ער נישט געהאט א ירידה. אזוי ווי ער האט געזען ווי דער ערשטער איז ארויף, און דער צווייטער איז ארויף, און זיי האבען געהאט א ירידה, האט יעקב אבינו נישט געוואלט ארויפגיין, האט עס געשאדט. **די יונגע יארן וואס א בחור איז אין בית המדרש, דאס זענען די ימי עליה, עס איז טעג וואס מען שטייגט. ווי אזוי מען לערנט, און ווי אזוי מען פירט זיך אויף אין די טעג, דאס נעמט מען זיך מיט אויף א גאנץ לעבן. וואס מען קלויבט זיך אן שפעטער, ליגט אלעס אין דעם יסוד וואס מען האט אראפגעלייגט אין די יונגע יארן וואס דאס איז די ימי עליה.**

**די** ימי עליה הייבען זיך אן אנהייב זמן, דאס איז די צייט וואס מען דארף אנהייבען ארויפצוגיין אויפן לייטער, און ארויפגיין נאך א שטיג, און נאך א שטיג, ביז מען קומט אן צום ראשו מגיע השמימה. אז מען פארפעלט ארויפצוגיין אויפן לייטער ווען עס איז דער זמן פון די עליה, ער דערמאנט זיך שפעטער, אפילו ער דערמאנט זיך נאר מיט צוויי דריי חדשים אינעם זמן, אז ער וויל אויך ארויפגיין איז שוין זייער שווער, ער האט שוין נישט אנגעהויבען צו לערנען די מסכתא געהעריג. ער האט נישט גע'חזר'ט געהעריג דעם אנהייב, איז נאכדעם זייער שווער אז ער זאל זיך קענען מיטכאפן, און קענען ארויפגיין. **די וואס האבען שכל, הייבען אן תיכף אין אנהייב. אנהייב זמן הייבען זיי אן צו לערנען מיט א ציל, איך דארף ענדיגען דעם זמן די מסכתא, די הלכה, די מקצוע, און זיי לאזען נישט נאך, זיי דערשרעקן זיך נישט, אז אפשר וועל איך שפעטער האבען א ירידה, איך וועל נישט אנקומען. פארוואס זאל איך אנהייבען און זיך מוטשען, איך האב שוין פראבירט און עס איז נישט געגאנגען, און יעצט וועט עס אויך נישט גיין. אז מען הייבט נישט אן, האט מען טאקע א ירידה.** די ימי העליה איז אין אנהייב פונעם זמן. בשעת מען האלט אין אנהייב קען מען אנהייבען צוזאמצוקלויבען וואס מען האט געלערנט. און אז מען כאפט זיך דעמאלטס מיט, און מען גייט ארויף אויף די סולם פון עליה, קומט מען אן, און מען האט נישט א ירידה.

**און** אין די טעג אליין, **יעדער בחור האט זיך זיינע זמנים, ירידות מיט עליות. אזוי האט דער אייבערשטער באשאפן יעדן מענטש. מען טאר נישט צובראכען ווערן, ווען עס איז דא א זמן פון א ירידה, ווייל עס מיינט נישט אז מען פאלט, יעדע ירידה איז א צורך עליה. עס איז גוט ווען א מענטש האט געהאט א דורכפאל אין זיין לעבן, און ער איז זיך נאכדעם פריש מחזק, און ער איז זיך פריש מתאמץ, אז ער זאל אנהייבען פון ניי, ווייל דאס געבט אים די כח אז ער זאל קענען ווייטער אנגיין.** - מען דארף זיך אפלערנען פון יעקב אבינו, ווען דער אייבערשטער האט אים געגעבן די געלעגענהייט אז ער זאל ארויפגיין, און ער וועט האבען אן עליה, האט אים דער אייבערשטער געזאגט, ווען דו וואלסט מיר געפאלגט אנהייב, און דו וואלסט ארויפגעגאנגען אויף דעם לייטער, וואלסטו קיינמאל נישט געהאט א ירידה. אז מען האט

מורא ארויפצוגיין אנהייב פון די עליה, דעמאלטס קומט מען נישט אן.

**די** צייט איז אן עת רצון ביי א בחור, וואס ווארפט זיך דעמאלטס אריין, און ער קומט אן מיט א סייעתא דשמיא. מיט דעם שוועריקייט וואס איך האב, קוק איך נישט אויף מיין חברותא, און אויף מיינע חברים, יעדעס מאל איז דא אן אנדערער תירוץ וואס עס שטערט אים, דער ראש ישיבה, דער מגיד שיעור, דער מקום, די חברותא, אלץ האט ער א תירוץ אויף זיין דורכפאל. ווען א מענטש קוקט נישט דערויף, איך וויל אנקומען און קענען סוף זמן די און די מסכתא, און עס אינטערעסירט מיר נישט וואס עס טוט זיך ארום און ארום, איך וויל קענען די מקצוע וואס איך האב געלערנט, דעמאלטס איז ער מצליח. און טאמער ער פארפאס, האט ער פארפאסט זייער אסאך.

**אמאל** איז דא א וועג וואס א מענטש דארף גיין, און צופיס נעמט עס זייער לאנג צו גיין, אבער ווען ער כאפט די באן, און ער זעצט זיך ארויף דערויף, קען מען אנקומען אין אפאר מינוט מיילען ווייט. אזוי איז דא צייטען, וואס ווען א בחור כאפט זיך ארויף דערויף, האט ער זיך ארויפגעכאפט אויפן באן, און ער קומט אן זייער אסאך. אבער ווען ער איז עס מזניח, און ער לאזט עס נאך, דעמאלטס בלייבט ער אויף זיין פלאץ, און יעדער טריט נאכדעם קומט אים אן שווער צו גיין.

**און** ב"ה מען זעהט טייערע בחורים, וואס האבען אנגעהויבען דעם פארגאנגענעם יאר זייער עליה, תיכף אין אנהייב פונעם יאר. געלערנט און געחזר'ט דעם גאנצן ווינטער און דעם גאנצן זומער, דעם גאנצן קעמפ איז מען געווען פארנומען אז מען זאל קענען די מסכתא. עס איז א לאנגע מסכתא, און א שווערע מסכתא, און ב"ה אז מען האלט היינט, אז מען האט זיך פארהערט די מסכתא, וויפיל שבח והודיה דארף מען געבן פארן אייבערשטען, אז מען האט נישט פארפאסט די געלעגענהייט פון די עליה. און דאס דארף געבן חיזוק פאר זיך אליין, אז מען זאל אנהייבען דעם זמן מיט די זעלבע סארט ברען צו קענען די מסכתא וואס מען לערנט יעצט. און ממנו יראו וכן יעשו, ווער עס האט זיך נישט מיטגעכאפט די פאריגע זמן איינגאנצן, זאל עס יעצט משלים זיין, און מען זאל שטייגען.

*

**איך וויל ארויסברענגען בשבחו פון אונזער חשוב'ען מנהל זאל זיין געזונט. איך מיין אז מען האט נישט א השגה וויפיל כוחות ער לייגט אריין אין די בחורים, אין די נקודה אליין, צו חזר'ן און זיך פארהערן. וויפיל שעות ער לייגט אויף דעם, אוועקצוגעבען צייט פאר יעדען איינעם עקסטער, מיט חיזוק און עידוד אז ער זאל נישט נאכלאזען, און ער זאל נישט בלייבען שטעקן אינדערמיט, נאר ער זאל קענען אנגיין ווייטער. און עס איז דבריו עושה רושם, בחורים זענען צוגעבינדען צו אים, און מען איז מקבל וואס ער זאגט, און יעדער איינער פראבירט זיך צוצושטעלן.** וואו ליגט זיין הצלחה, אז ער איז מצליח דאס צו באוויייזען.

**איך** האב געזען שטיין פונעם **פאנאוויטש'ער רב** זצ"ל, אז די וואך אין די פרשה דערציילט די תורה הק', אז ווען יעקב איז אנגעקומען, און ער האט געזען די רועים שטייען ביים באר, האט ער זיי געזאגט, הן עוד היום גדול, לא עת האסף המקנה, השקו הצאן ולכו רעו (כט-ז), פארוואס זענט איר זיך צוזאמגעקומען, עס איז נאך גרויס טאג. געבטס צו טרינקען פאר די שעף, און גייטס ווייטער פאשען. און זיי ענפערן אים שיין געמיטלעך, לא נוכל, מיר קענען נישט, עד אשר יאספו כל העדרים, וגללו את האבן מעל פי הבאר, והשקינו הצאן. בדרך כלל ווען עס קומט אריין א פרעמדער, און ער הייבט אן צו זאגען דעות וואס מען זאל טון, פרעגט מען אים, מי שמך לאיש, ווער האט דיך אהערגעשטעלט, וואס קומסטו מיר איינטיילען, אחד בא לגור וישפט שפוט. מען זאל זיך פארשטעלן בחורים זיצען אין בית המדרש און מען לערנט, און עס קומט פיר אזייגער, און מען האט א סיבה פארוואס מען מאכט צו די גמרא, און מען דארף ערגעץ גיין. קומט אריין א יוד פון די גאס און ער זאגט, יעצט פיר אזייגער מאכט מען צו די גמרא, וואס איז דאס, הן עוד היום גדול, דער טאג איז נאך גרויס. וואלט מען אים געזאגט,

קיינער האט אייך נישט גערופן, עס איז דא דא ב"ה ווער עס זאל איינטיילען, מיר ווייסען וואס מיר האבען צו טון. איר קומט אריין, און איר מישט זיך דא אין אונזערע געשעפטען, זייטס מוחל און גייטס ארויס פון בית המדרש. און זיי האבען נישט אזוי געטון. ווען יעקב האט זיי פארגעהאלטן, האבען זיי שיין געמיטלעך געענטפערט, פארוואס איז דאס געווען.

**האט** דער **פאנאוויטש'ער רב** געזאגט, ווייל ווען יעקב האט אנגעהויבען צו רעדן דאס ערשטע ווארט, ויאמר להם יעקב, 'אחי' מאין אתם, מיינע ברודער, פון ווי זענט איר. אז מען הייבט אן צו רעדן מיט יענעם ברודערלעך, מען קומט נישט אריין איינטיילען, באקומט יענער א נאנטקייט פון דעם שמועס, און מען קען נאכדעם פרעגן, און מען קען ארויפצווינגען אויף יענעם, און יענער איז עס מקבל. ווען עס פעלט דער ערשטער ווארט, ווען ער זאגט נישט 'אחי', מיינע ברודער, נאר ער וואלט סתם געפרעגט הן עוד היום גדול, לא עת האסף המקנה, וואלט ער נישט מצליח געווען.

**דאס** איז דער סוד ווי אזוי מען איז קונה א בחור. אז ער שפירט ביי זיך, ווען ער זאגט אים 'אחי', מיין ברודער, איך בין דיר א גוטער פריינד, איך בין נישט דא דיר צו מוטשענען, איך בין נישט דא דיר אויסצוטיילען צרות, איך בין דא פאר דיר, פאר דיין טובה, איך וויל דיר ארויפברענגען, איך וויל דו זאלסט מצליח זיין, און דער בחור פארשטייט עס, איז ער מקבל. אפילו עס קומט אים אן שווער, פון דעסטוועגן דאך פלאגט ער זיך, און ער פראבירט זיך צופרידען צושטעלן. די צוגאנג ווי אזוי מען דארף רעדן צו א בחור, מיט א ברודערליכקייט, מיט א נאנטקייט, דאס ברענגט די הצלחה, אז מען זאל מקבל זיין וואס מען הערט.

**ווען** דער **פאנאוויטש'ער רב ז"ל**, האט געבויט די פאנאוויטש'ער ישיבה, האט געקאסט אסאך געלט צו בויען דעם בנין. ער האט געהאט אן עקסטערע הצלחה אין שאפן דאס געלט, און די שטאט-ראט האט פארלאנגט אסאך זאכען וואס מען זאל אריינלייגען אינעם בנין כדי צו פארזיכערן דעם בנין, און עס האט געקאסט עפרות זהב אריינצולייגען די שאר ירקות. און דער **פאנאוויטש'ער רב** האט געשפירט, אז ער קען עס נישט דערהייבען. האט ער געשיקט די עסקנים, אז זיי זאלן גיין רעדן צום הויפט, אז ער זאל עפעס נאכלאזען. און ער האט גזאגט, איך האב שוין נאכגעלאזט די מאקסימום, און איך קען נישט מער נאכלאזען. די זאכען וואס איך פארלאנג איז די מינימום וואס מען דארף אריינלייגען, און אן דעם קען איך נישט געבן א פערמיט אז מען זאל קענען בויען.

**ווען** ער האט געזען אז ער קען נישט אדורכקומען מיט אים, האט ער געזאגט פארן הויפט, קום אריבער מיט מיר צוזאמען צום **פאנאוויטשער רב**, לאמיר עס איבערשמועסן. ער האט געטראכט אז דער **פאנאוויטש'ער רב** איז דאך אזא איש מצליח, און א בעל חן, אפשר וועט ער אים קענען משכנע זיין. איז ער אריבערגעקומען, און ער האט מסביר געווען פארן **פאנאוויטש'ער רב**, אז ער קען נישט מוותר זיין, און עס מוז זיין דאס און דאס. און ער בעט שוין די מינימום וואס מען דארף, אבער פון דעם קען ער נישט נאכלאזען.

**ער** האט זיך גערישט אז עס גייט זיך יעצט אנהייבען א גאנצע דין ודברים, און מען גייט זיך טענה'ן מיט אים. און דער **פאנאוויטש'ער רב** האט אים געזאגט, האסט מיר זייער שיין מסביר געווען, איך זעה אז די ביסט גערעכט, איך טוה מיר באדאנקען אז דו ביסט געקומען עס מסביר זיין, און ער הייבט אים אויף די הענט, און ער געזעגענט זיך מיט אים, און ער געבט אים א קיש אין פנים, און אזוי האט ער זיך געזעגענט. דער קיש וואס ער האט באקומען האט געמאכט די גאנצע ארבעט, נאכדעם האט ער שוין אלעס נאכגעלאזט. ער האט זיך נישט געטענה'ט און זיך נישט געדינגען, נאר מיט דעם קירוב וואס ער האט אים געגעבן, מיט דעם האט ער אויסגע'פועל'ט

**איך** מיין אז אונזער חשובער מנהל, נאכדעם וואס ער האט צוטון מיט א בחור, וואלט ער אים אויך געגעבען א קיש, ווען ער וואלט זיך נישט געשעמט. און עס איז דא דער קיש, עס איז דא די נאנטקייט, עס איז דא די אהבה וואס דארף זיין צווישן איינעם און דעם אנדערן, און דאס דארף מען

ממשיך זיין, מקבל צו זיין דאס וואס מען הערט מוסר. מען קומט נישט ווי צו טון, מען קומט נישט סתם צו באליידיגען, מען קומט אויפצוהייבען די בחורים אז זיי זאלן שטייגען. - דער חשוב'ער ראש ישיבה לייגט אויך אריין דעם רוחניות'דיגער חלק אזויפיל פאר די בחורים, מיט די שמועסן וואס ער געבט פאר זיי שטענדיג.

**ווען** עס קומט אזא זמן וואס מען האט גע'ענדיגט א מסכתא, און מען זעהט ווי ווייט מען איז אנגעקומען, יעצט איז דער זמן פון שמחה, יעצט איז דער זמן פון געבן א שבח והודאה, און א דאנק אויף דעם וואס מען איז געשטאנען די גאנצע צייט, און פארלאנגט און געפאדערט נאכאמאל און נאכאמאל, ביז מען האט מסיים געווען, און מען איז אנגעקומען צו דעם.

**עס** איז אנהייב זמן, עס קומט אן עתיד, מען הייבט אן א פרישע מסכתא, איזהו חכם הרואה את הנולד, קוקען אז דאס קומענדיגע יאר, זאל ער אויך זיין פון די וואס זענען מסיים. און יעצט איז די צייט אנצוהייבען, נישט קוקען אויף די שוועריקייטן וואס איז דא, כל התחלות קשות, אבער ווען מען לייגט זיך אריין, און מען פראבירט, און מען פלאגט זיך, הקב"ה יושב ושונה עמו, זיצט דער אייבערשטער און ער לערנט מיט אים.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען האבען הצלחה אויף ווייטער אויך. און אזוי ווי מען האט מסיים געווען די מסכתא, זאל מען אויך דאס יאר קענען מסיים זיין אי"ה די לימודים וואס מען לערנט, אויסוואקסען תלמידי חכמים און יראי ה'. פאר די עלטערן וויל איך וואונטשען, אז דער אייבערשטער זאל זיי געבן אסאך נחת ביי קינדער, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות. דער אייבערשטער זאל געבן אז זיי זאלן מקבל זיין, און וועלן מקבל זיין, און זיין א כלי מוכשר אויף קבלה, אריינצולייגען וואס מען קען. און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.